# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת ויחי שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול**<br>**ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די**<br>**אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# שיחות וספורים

## התנגדות

קו) א אינגערמאן דערציילט ער איז געווען אין אפיס ביים ראש ישיבה שליט"א, ער האט מיט געהאלטן א מיטינג וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געהאט מיט די גבאים אין ירושלים, ער האט אונטער געהערט וואס טוט זיך אין ירושלים, מחרחרי ריב גייען צו רבנים מיט לשון הרע קעגן דער ראש ישיבה שליט"א, נאכדעם זעט ער ווי דער ראש ישיבה שליט"א פירט א חתונה אין ישיבה און רעדט מיט תלמידים מיט א פרייליכקייט כאילו לא היה, דער אינגערמאן האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, ער פרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א: "ווי קען זיין דער ראש ישיבה גייט אן כאילו לא היה אזוי ווי גארנישט וואלט געווען"? האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "גלייב מיר עס טוט מיר מער וויי צו זען ביי אנשי שלומינו מחלוקת און רייבערייען, ווי א קול קורא מיט טויזנט חתימות קעגן מיר". דער ראש ישיבה שליט"א האט אים געזאגט: "איך בעט דיר אז דו ווילסט מיר העלפן זאלסטו זען עס זאל זיין שלום צווישן אונז, דעמאלט וועט קיינער נישט קענען קריגן אויף היכל הקודש".

## א ווייטע וועג

קז) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט זייענדיג אין שטעטל קרית ברסלב ליבערטי: "ווי קען מען זיך אפרעדן 'עס איז צו א ווייטע וועג פון מיין הויז צום בית המדרש'? ווי איז בכלל שייך אנצורופן א וועג אז דאס איז ווייט? עס איז אלץ דא וואס צו טון אויפ'ן וועג, אויב גייט מען אליינס - דאן איז דער וועג א גוטע צייט צו שמועסן מיט'ן אייבערשטן, זיך אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן, דאנקען אויף די גוטע זאכן וואס מען האט און בעטן אויף ווייטער; אויב גייט מען מיט א חבר - דאן איז דער וועג א גוטע צייט אויף 'שיחות חברים', שמועסן פון די עצות וואס מיר באקומען פון הייליגן רבי'ן, זיך מחזק זיין אין אמונת חכמים; אויב גייט מען מיט קינדער - דאן איז דער וועג א גוטע צייט צו פארברענגען

מיט די קינדער; רוב אינגעלייט זענען במשך די וואך פארנומען מיט זייער פרנסה וכו', עס בלייבט זיי איבער ווייניג צייט צו פארברענגען מיט די קינדער, איז שבת גייענדיג צום בית המדרש א גוטע צייט עס אויסצוניצן פאר דעם, צו שמועסן מיט די קינדער.

אויך איז גוט בשעת'ן גיין מיט די קינדער - צו רעדן צום אייבערשטן אויפ'ן קול כדי די קינדער זאלן עס הערן און דורכדעם וועלן זיי זיך אויסלערנען רעדן צום אייבערשטן; עס איז זייער א גוטע זאך אז קינדער זאלן הערן דער טאטע רעדט צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט פון רבי אברהם בן רבי נחמן זכר צדיק לברכה[א], וואס האט געזאגט: "וויאזוי האב איך זיך אויסגעלערנט רעדן צום אייבערשטן? אלס קינד פלעג איך זען מיין טאטע רבי נחמן טולטשינער זכר צדיק לברכה זיצן מיט פארמאכטע אויגן רעדנדיג צום אייבערשטן, ווען איך האב אים געוואלט עפעס פרעגן האט ער מיר געענטפערט: "ווארט איין מינוט, איך רעד יעצט צום אייבערשטן, באלד וועל איך דיר ענטפערן", אזוי איז דאס אריין אין מיינע ביינער".

## זיך עקלען פון הינט

קח) א אינגערמאן האט געזאגט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א ווען ער גייט אין שול האט ער א פראבלעם, זיינע קינדער עקלען זיך פון הינט, זיי האבן מורא פון די הינט (אין שטעטל אין קרית ברסלב ליבערטי איז דא גוים מיט הינט) ער פראבירט אראפנעמען פון זיינע קינדער די פחד וואס זיי האבן צו הינט, האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געזאגט: "אידישע קינדער דארפן זיך עקלען פון הינט, הינט האבן א טומאה אויף זיך, זאג נישט פאר דיינע קינדער ווי זיס די הינט איז, לאז אים אוועק לויפן פונעם הינט, עס וועט זיין א טובה פאר אים אז ער וועט אויפוואקסן בקדושה, זיכער נישט אנרירן א הינט דאס גלעטן וכדומה ווייל א הינט איז טמא".

..............................

[א] בעל מחבר ספר "באור הליקוטים"

## זיי מקרב די גאנצע וועלט

קט) א אינגערמאן א תלמיד פונעם ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגערעדט צום ראש ישיבה שליט"א אז טראצדעם וואס ער באמיט זיך גאר שטארק ארייצוברענגען די לימודים פון הייליגן רבי'ן אין זיין משפחה טוט דאס גארנישט אויף, נאר פארקערט, ער שטויסט זיך אלץ אן אין התנגדות און קעגנערשאפט פון זיין משפחה וכו'.

האט דער ראש ישיבה שליט"א מחזק געווען דעם אינגערמאן און געזאגט: "שטעל זיך פאר אויב מוהרא"ש וואלט ווען געהאט די זעלבע קטנות הדעת ווי דיר, אריינצולייגן קאפ און מח וויאזוי צו מאכן זיין משפחה זאלן אננעמען די למודים פון הייליגן רבי'ן, וואלט דאך די גאנצע וועלט נישט געוואוסט פון די ליכטיגע עצות פון רבי'ן; מוהרא"ש איז געגאנגען בגדלות המוחין, ער האט אפגעמאכט ביי זיך ער וועט פארשפרייטן דעם רבינ'ס ליכטיגע עצות פאר די גאנצע וועלט, אזוי האט מוהרא"ש מצליח געווען, און היינט דורך די הייליגע ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש ווייסן אלע פון רבי'ן און פון זיינע עצות".

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: "אין אנהייב, ווען איך האב געעפנט דעם 'תלמוד תורה היכל הקודש', בין איך געווען אינעם זעלבן קטנות הדעת, איך האב זייער געוואלט אז אלע וואס דרייען זיך אין היכל הקודש זאלן אריינשיקן די קינדער אין חדר, איך האב געהאט מורא'דיגע חלישות הדעת ווען איך האב געזען ווי נאר איינצלנע תלמידים פון מוהרא"ש האבן אריינגעשיקט די קינדער אין אונזער תלמוד תורה".

איין יאר פורים בין איך געווען זייער צעבראכן וכו' וכו', און איך בין אריינגעקומען צו מוהרא"ש אין בית המדרש, איז מיר אנטקעגן געקומען א אינגערמאן, א תלמיד פון מוהרא"ש, און מיר געזאגט: "לאז זיך אפ פון תלמידי היכל הקודש. דו פארשפרייט דעם רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט, ברענג צוריק די גאנצע וועלט צום אייבערשטן".

דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט: דער אינגערמאן איז געווען

אנגעטרינקען, ער האט ניטאמאל געוואוסט ווי צעבראכן איך בין וכו', ער האט נישט געוואוסט פון מיין חלישות הדעת, אבער דאס וואס ער האט מיר געזאגט איז געווען פאר מיר ווי א מודעה פון הימל, און דאס האט מיר זייער מחזק געווען.

די זעלבע זאך טו דו - זאגט דער ראש ישיבה שליט"א צו דעם אויבנדערמאנטן אינגערמאן - לעב נישט אין א קטנות המוחין דיין משפחה זאלן מקורב ווערן צום רבי'ן, נאר זע צו פארשפרייטן די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש פאר די גאנצע וועלט, זיי מקרב די גאנצע וועלט צום רבי'ן.

## עצתו אמונה וועט טוישן די וועלט לטוב

קי) דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן פאר א תלמיד: "הער וואס איך זאג דיר: 'די אלע בריוו פון עצתו אמונה וועט טוישן די וועלט לטוב'; ווארט נאר ווארט".

## צדקה תציל ממות

קיא) דער הייליגער רבי האט געוואלט מיר זאלן עוסק זיין אין הפצה, אבער נישט יעדער איינער איז מסוגל צו גיין פון טיר צו טיר אדער אין די גאסן מיט ספרים און קונטרסים, אבער יעדער איינער דארף זען וואס ער קען טון צוריק צו ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן; איינער קען מנדב זיין געלט צו דריקן די ספרים, איינער קען ארויסהעלפן בפועל מיט'ן דרוקן די ספרים, און אזוי ווייטער.

א אינגערמאן א תלמיד הישיבה האט געהאט א קינד למזל טוב, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט צו דעם אינגערמאן: "דער אייבערשטער האט דיר געהאלפן, האסט געהאט א קינד, אפשר ווילסטו מנדב זיין

א פאלעט[ב] פאפיר פאר׳ן בית הדפוס צו קענען דרוקן ספרים און קונטריסים אלס הכרת הטוב צום אייבערשטן אז דו האסט געהאט א קינד?״ און דער אינגערמאן האט מנדב געווען.

יענעם פרייטאג צונאכט׳ס, ווען אלע זענען שוין געשלאפן, האט אויסגעבראכן א שריפה אינעם דירה פון דעם אינגערמאן, די דירה האט אינגאנצן אפגעברענט, אבער בחסדי ה׳ איז דער אינגערמאן ניצל געווארן מיט זיין משפחה, און אלע זענען ארויס בשלום.

האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: ״דער נס האט נאר פאסירט אין דעם זכות וואס דו האסט מנדב געווען פאפיר צו דרוקן דעם רבינ׳ס ספרים; ווייל דער הייליגער רבי האט געזאגט[ג]: האלטן זיינע ספרים אין שטוב איז א שמירה; און טאקע דערפאר פירן זיך ברסלב׳ע חסידים צו האלטן די ספרים פון רבי׳ן אין די ארבעט׳ס פלאץ, אין קאר, און אזוי ווייטער, אלס שמירה; איז דאך זיכער אז איינער וואס העלפט דרוקן די ספרים וועט ניצל ווערן פון סכנות״.

## וויאזוי מען גרייט זיך צו א שידוך

קיב) דער ראש ישיבה שליט״א האט געזאגט פאר א בחור וואס האט געהאלטן פאר א בעשוי[ד]: ״עס זענען דא בחורים וואס גרייטן זיך צו א בעשוי דורכ׳ן גיין אין שויער פאר צוויי שעה וכו׳ וכו׳... ווידעראום זענען דא בחורים וואס גרייטן זיך צו א בעשוי מיט צוויי שעה התבודדות, ער שמועסט אויס אלע ספיקות מיט׳ן אייבערשטן, ער בעט דעם אייבערשטן אז אויב דער שידוך איז א גוטע שידוך זאל דאס צושטאנד קומען שנעל און גרינג און אויב נישט זאל דער שידוך נישט ווערן, און אזוי ווייטער שמועסט ער אלעס אויס מיט׳ן אייבערשטן, דאס איז א ריכטיגע הכנה

[ב] משטח

[ג] חיי מוהר״ן סימן שנ״ה

[ד] פגישה

צו א שידוך".